# פרשת וישב י"ז– כ"ג כסלו תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לקבוע מזוזה במשרדו החדש של הר"ר **אהרן קליין** הי"ו. אחר קביעת המזוזה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי המסחר וצוות העובדים, שיראו ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קנ"ז סעיף א') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה דערציילט אז נאכדעם וואס מען האט אויסגע'הרג'ט גאנץ שכם, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר יעקב, קום עלה בית א-ל ושב שם, ועשה שם מזבח לא-ל הנראה אליך בברחך מפני עשו אחיך (לה-א). עס שטייט פון **רבי שמשון אוסטראפאליער** (בספרו **לקוטי שושנים**), אז די ווערטער י'עקב ק'ום ע'לה ב'ית א'-ל, איז די ראשי תיבות עקיב"א. און **רבי שמשון אוסטראפאליער** זאגט, אז די נשמה פון רבי עקיבא איז געווען אין שכם בן חמור, וואס האט געהאט צוטון מיט דינה. ווייל אויב נישט, וואלט נישט געקענט זיין אז עס זאל זיין אזא דביקות צווישן זיי, ווייל טומאה מיט קדושה האבן זיך פיינט איינס דעם אנדערן. און די נשמה פון רבי עקיבא וואס איז געווען אין שכם, איז געווען א נשמה וואס ליגט צווישן די קליפות, און דורכדעם וואס האט פאסירט מיט דינה, האט מען מוציא געווען די קליפה וואס איז געווען אין שכם, און עס איז אריבערגעקומען אין די קדושה. און דאס האט דער אייבערשטער מרמז געווען פאר יעקב, קום עלה בית א-ל, אז עס איז געווען דארט די נשמה פון רבי עקיבא.

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט אויך פון זיך אליין, אויפן פסוק (לד-א) ותצא דינה בת לאה וגו' לראות בבנות הארץ, פארוואס איז זי געגאנגען זעהן בבנות הארץ. ווייל אזוי ווי ביי א צדיק איז דא א בחינה פון נתן עיניו בה ונעשה גל של עצמות (ברכות נח.), א צדיק קען ארויסנעמען פון יענעם זיין נשמה מיט א ראייה, און זי האט געוואוסט אז אין די בנות הארץ איז דא ניצוצות פון קדושה, איז זי געגאנגען לראות בבנות הארץ, אז מיט די ראיה זאל זי ארויסנעמען די קדושה וואס ליגט אין זיי. דער הייליגער **חתם סופר** זאגט, אז זי האט גע'פועל'ט. ווייל שפעטער האט מען אויסגע'הרג'ט אלע מענער פון שכם, אבער די ווייבער מיט די קינדער האט מען געפאנגען, ואת כל טפם ואת נשיהם שבו ויבוזו (לד-כט). און די אלע נשים וואס זיי האבן געפאנגען, האבן זיך מגייר געווען, און זיי זענען געווארן שפחות פון יעקב מיט די קינדער. פון דעם וואס זי איז ארויס לראות בבנות הארץ, האט זי צוגעברענגט אז די אלע בנות הארץ זענען נתעלה געווארן, און זיי זענען אריינגעקומען אין די קדושה. אזוי זאגט דער **חתם סופר** פון זיך אליין.

**און רבי שמשון אוסטראפאליער** זאגט מיט דעם צוויי שיינע זאכן. איינס, אז מען געפונט אין די גמרא (פסחים מט:) אז רבי עקיבא האט געזאגט, ווען איך בין געווען אן עם הארץ, האב איך אזוי פיינט געהאט א תלמיד חכם, אז איך וואלט אים געביסן אזוי ווי א חמור. זאגט ער, רבי עקיבא איז דאך אמאל געווען אין שכם בן חמור, האט רבי עקיבא געזאגט, כשהייתי עם הארץ, ווען איך בין געווען דארט אין דעם שכם בן 'חמור', האב איך אזוי פיינט געהאט א תלמיד חכם, אז איך וואלט אים געביסן אזוי ווי א 'חמור'.

**און** וועגן דעם געפונט מען (ברכות סא:) אז רבי עקיבא איז יצאה נשמתו באחד. ווייל אין די פרשה פון שכם בן חמור ווערט דערמאנט דריי נקודות פון אהבה וואס איז געווען צווישן שכם און דינה. איינמאל שטייט ויאהב את הנערה (לד-ג), א לשון אהבה. נאכדעם איז דא א לשון חפ"ץ, כי חפץ בבת יעקב (לד-יט). און נאכדעם איז דא א לשון פון דביקות, ותדבק נפשו בדינה בת יעקב (לד-ג). זאגט ער, אח"ד איז די נוטריקון א'הבה, ח'פץ, ד'ביקות. אזוי ווי דעמאלטס איז דאך געווען ביי דינה די נשמה פון רבי עקיבא, און דארט איז געווען אהבה

און חפץ און דביקות, וואס האט געברענגט די קירוב צווישן זיי. האט דאס רבי עקיבא מעלה געווען, בשעת מען האט אים גע'הרג'ט על קידוש ה', אז עס איז יצאה נשמתו באח"ד. אזוי שטייט פון **רבי שמשון אוסטראפליער**.

**עס** קומט אויס לויט דעם, אז עס איז געווען א געוואלדיגער ענין וואס מען האט מזמין געווען מן השמים, דאס וואס דינה האט געדארפט אדורכגיין, כדי צוריקצוברענגען רבי עקיבא מיט די אלע נשמות וואס זענען דארט געווען אין די קדושה. וואס איז אבער דער שייכות אהער, אז ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער זאל גיין מאכן א מזבח, דעמאלטס האט אים דער אייבערשטער מרמז געווען אז די מעשה וואס איז געווען מיט דינה, האט געהאט צוטון מיט רבי עקיבא.

**עס** קען זיין, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב, אז ער זאל צוריקגיין קיין בית א-ל, און ער זאל מקיים זיין, זיין נדר. ער האט דאך געמאכט א נדר, והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקי"ם (כח-כב), און רש"י זאגט, אז ווייל ער האט מאחר געווען דעם נדר, וועגן דעם איז ער נענש געווארן. אמת ער האט טאקע געהאט אויף זיך א נדר, אבער יעקב האט זיך אויסגענומען א תנאי בשעת ער האט געמאכט דעם נדר, אם יהיה אלקים עמדי, ושמרני בדרך הזה, וגו' ונתן לי לחם לאכל ובגד ללבוש, ושבתי בשלום אל בית אבי, און די אלע זאכן זענען טאקע מקוים געווארן. אבער ער האט נאכדעם צוגעגעבן, והיה ה' לי לאלקים (כח-כא), און רש"י טייטשט, שלא ימצא פסול בזרעי. אז דער אייבערשטער וועט מיר העלפען די אלע זאכן, און עס וועט נישט זיין א פסול בזרעי, דעמאלטס והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהיה בית אלקים. ווען עס האט פאסירט ביי אים די מעשה פון דינה, איז דאך געווארן א פסול בזרעו, האט יעקב געהאלטן אז ער איז שוין נישט מחוייב ארויפצוגיין מקיים זיין דעם נדר, ווייל עס איז דאך דא א פסול בזרעו. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, ניין, קום עלה בית א-ל, עקיב"א, די מעשה וואס האט פאסירט דאס איז נישט א פסול בזרעו, ווייל מען האט דא ארויסגענומען די נשמה פון רבי עקיבא, און עס ווערט נישט גערעכנט פאר א פסול פאר איר. און אז עס איז נישטא א פסול בזרעו, ליגט אויף דיר א חיוב אז דו זאלסט מקיים זיין דעם נדר, און וועגן דעם קום עלה בית א-ל, גיי ארויף מקיים זיין דעם נדר.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב רבי **ירמי' טייטלבוים** שליט"א, עב"ג בת הרה"ג רבי **זלמן לייב רובין** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת וישב***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר"ר **יעקב הערש פרידריך** הי"ו (ק"י), עב"ג בן הר"ר **משה זאב דאנציגער** הי"ו (ק"י), שהתקיים באולם תורה ויראה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **יהודה זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף גדלי' מאנדל** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. - אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וישב***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **מאיר וואלף ראכליץ** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש נייטרא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל אסיפת הרבנים שהתקיימה בלשכת 'התאחדות הרבנים

דארה"ב וקנאדא', לדון בעניינים שונים העומדים על הפרק לחיזוק הדת.

משם נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, להשתתף אצל מסיבת לטובת הכולל ערב בבית מדרשנו במאנסי. על אם הדרך עמד **רבינו שליט"א** לבקר בבנין החדש שנרכש ע"י חברי הוועד של מוסדותינו הק', לתועלת ולרווחת בחורי הישיבה קטנה '**נועם התורה**' דקהלתינו הק', שמתנוסס לתפארה בעיה"ת מאנסי. **רבינו שליט"א** עבר בכל חלקי הבנין והביע את קורת רוחו לחברי הוועד שיחי' העושים ומעשים בשקידה עצומה להרחיב גבולי הקדושה בקרב קהלתינו ומוסדותינו הק' בעיר, והאציל עליהם ברכות קדשו.

משם המשיך **רבינו שליט"א** בדרכו להשתתף אצל המסיבה שהתקיים בבית הר"ר **אליקים באדאנסקי** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א מסיבה של מצוה לטובת דעם כולל, וואו עס זיצען יונגעלייט און לערנען. דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די וועלט, אז עס איז דא א יששכר און עס איז דא א זבולון. א חלק פון יודען זענען זוכה צו זיצען באהלה של תורה, און אנדערע יודען איז זיי דער אייבערשטער מזכה, אז זיי זאלן זיין די תומכי תורה, ארויסהעלפען פאר די וואס זיצען און לערנען. און חלק כחלק יאכלו (דברים יח-ח), דער שכר צוטיילט זיך נאכדעם פארביידע אייניג. יששכר קען נישט לערנען אן זבולון, און זבולון האט נישט וואס צו טון אויף די וועלט, אויב ער האט נישט א יששכר. דער **אור החיים הק'** (פ' כי תשא ל-יג) זאגט, אז נישט נאר עס ווערט צוטיילט, נאר יעדער באקומט א גאנצן חלק. עס איז אזוי ווי מען צינדט אן א נר פון א נר, וואס מען נעמט גארנישט אוועק פונעם נר.

**אין** די פרשה די וואך, זעהט מען ווי אזוי דער אייבערשטער איז מזמין פאר יעדן איינעם, וואס ער דארף צו האבן. יוסף איז געווען אין בית האסורים, און ווען עס איז געקומען די צייט אז ער האט געדארפט ארויסגיין האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט פאר יוסף, אז ער האט אריינגעלייגט אין תפיסה דעם שר המשקים מיטן שר האופים, און זיי האבן ביידע געחלומ'ט, און יוסף האט זיי פותר געווען דעם חלום. און נאכדעם וואס יוסף האט פותר געווען דעם חלום פארן שר המשקים, האט ער אים געזאגט, אז ער בעהט פון אים, כי אם זכרתני אתך כאשר ייטב לך, דו זאלסט מיר געדענקען ווען עס וועט דיר זיין גוט, ועשית נא עמדי חסד, והזכרתני אל פרעה, והוצאתני מן הבית הזה (מ-יד), און ער איז טאקע שפעטער געווען דער שליח ארויסצונעמען יוסף פונעם בור. מען האט עס טאקע אפגעשטופט, ויהי מקץ שנתים ימים (מא-א), עס איז געווען אן עונש פאר יוסף, אז ער האט זיך בוטח געווען אויפן שר המשקים. ער איז געווען א רשע, ער האט ממילא נישט געוואלט ארויסנעמען יוסף, אבער צום סוף האט זיך אויסגעשטעלט, אז ער איז געווען דער שליח דערפאר.

**מילא** דעם שר המשקים פארשטייט מען פארוואס די תורה פארציילט די גאנצע מעשה, ווייל דאס איז געווען א חלק פון די השתלשלות, אז יוסף זאל ארויסקומען פון דארט. אבער פארוואס דערציילט די תורה אז דער שר האופים איז אויך געווען אין תפיסה, און ער האט אויך געחלומ'ט, און מען האט אים געהאנגען. למאי נפקא מינה די גאנצע פרשה פונעם שר האופים. דער שר האופים האט גארנישט צוגעטון צו די הצלה פון יוסף. דעם שר האופים האט מען פותר געווען זיין חלום אז אין דריי טאג ארום, ישא פרעה את ראשך מעליך, ותלה אותך על עץ, מען וועט דיך הרג'ענען, און מען האט אים טאקע געהרג'ט. וואס האט דאס צוגעגעבן צו די הצלה פון יוסף. רש"י זאגט, אז יעדער האט געחלומ'ט דעם פתרון פונעם אנדערן חלום. קומט אויס, אז פון דעם וואס ער האט פותר געווען פארן שר האופים זיין פתרון, האט דער שר המשקים געוואוסט אז עס איז אמת, ווייל ער האט געחלומ'ט דעם פתרון פונעם שר האופים, האט עס אויך צוגעהאלפן דערצו, אז דער שר המשקים זאל אננעמען אז זיינע ווערטער זענען אמת.

**איך** האב געזען אין **משך חכמה** (בפרשתנו) וואס ער זאגט, אז עס האט אויסגעפעלט דער חלום און דער פתרון פונעם שר האופים, כדי אז דער שר המשקים זאל פון דעם פארשטיין, אז יוסף האט גוט פותר חלום געווען. ווייל ווען מען איז פותר א חלום פאר איינעם, און מען זאגט אים, עס וועט דיר זיין גוט, מען גייט דיר ארויסנעמען פון תפיסה, און מען וועט דיר צוריקשטעלן אויף דיין פלאץ, קען דער שר המשקים טראכטען, אז יוסף האט נישט געהאט וואס איינצושטעלן. וועט עס געלונגען, מען וועט אים טאקע ארויסנעמען, איז דאך אוודאי גוט. און אז עס וועט נישט געלונגען, איז ער כאטש געווען א גוטער, ער האט אים אנגעוואונטשען א גוטע זאך. אמאל גיט מען א ברכה, און מען שטעלט איין, וועט עס געלונגען, איז דאך אוודאי גוט, און אז עס וועט נישט געלונגען, איז עס פונקט נישט געלונגען. אבער צו זאגען פארן שר האופים, אז אין דריי טאג ארום וועט מען דיך הענגען, אויב עס וועט זיך אויסשטעלן שפעטער אז עס איז נישט אמת, וואלט יוסף געליטן פונעם שר האופים, פארוואס ער האט אים געזאגט אזא שלעכטע בשורה, אז מען גייט אים הענגען. פון דעם וואס דער שר המשקים האט געזען אז פארן שר האופים האט ער פותר געווען שלעכטס, און פארן שר המשקים האט ער פותר געווען גוטס, האט דער שר המשקים פארשטאנען אז יוסף פארשטייט צו א פתרון פון א חלום, און עס איז נישט, אז ער האט איינגעשטעלט, ער האט פונקט געזאגט, אז עס זאל אזוי זיין. ווייל אויב ער וואלט נישט געווען ביי זיך זיכער, אז עס וועט אזוי זיין, וואלט ער נישט געזאגט אזא פתרון, איז א סימן אז ער פארשטייט צו פתרון חלומות. אזוי שטייט אין **משך חכמה**.

**עס** קען אפשר זיין אז עס ליגט דערין נאך א טעם. מען קען זיך דינגען, וואס עס איז געווען א הארבערער חטא. צו דאס וואס דער שר האופים האט געטון, צו דאס וואס דער שר המשקים האט געטון. דער שר האופים האט אריינגעברענגט מעשה אופה, און רש"י (מ-א) זאגט, אז עס איז געווען דערין א שטיינדל, און ער האט עס אזוי געגעבן פארן מלך. דער שר המשקים האט אריינגעברענגט א כוס, און עס איז געווען דערין א פליג. דער שפתי חכמים אויפן פלאץ זאגט, אז פון דעם וואס מען זעהט אז דער עונש פארן שר האופים איז געווען א הארבערער עונש פון דעם שר המשקים, איז א סימן אז זיין חטא איז געווען א גרעסערער חטא. ווי קומט א שטיינדל אריין אינווייניג, נאר אז מען געבט נישט אכט, קומט אריין א שטיינדל אין די מזונות. אבער א פליג קען אריינפאלן אומגערישטערהייט אויך. איז זיין חטא נישט געווען אזא גרויסער חטא, און וועגן דעם האט ער באקומען א קלענערן עונש.

**עס** איז ניתן להאמר פונקט פארקערט, אז דער חטא פונעם שר המשקים איז געווען אסאך א גרעסערער חטא פונעם שר האופים. דער שר האופים האט אריינגעברענגט מזונות, און עס האט זיך ערגעץ פארוואלגערט א שטיינדל וואס איז אריינגעפאלן, און מען האט עס נישט באמערקט. ווען ער זאל עס באמערקען, וואלט ער עס זיכער ארויסגענומען. אבער ער האט עס נישט באמערקט, האט ער עס צוגעגעבן פארן קעניג. ביי יעדע מענטש קען זיך טרעפן א אונס, אז עס האט פאסירט אז א זאך איז אריינגעפאלן אינווייניג. אבער ווען מען ברענגט אריין א כוס מיט א פליג, קען מען דאך זעהן צו עס איז דא א פליג אינווייניג. לו יהא עס האט זיך אריינגעכאפט א פליג, וואלסטו געדארפט בעפאר דו לייגסט אראפ דעם כוס פארן מלך, קוקן צו עס איז דא א פליג אינווייניג, עס איז דאך א זאך וואס איז שכיח. און אז דו האסט עס נישט געטון, ביזטו געווען א פושע. וואלט דער עונש פונעם שר המשקים געדארפט זיין א הארבערער עונש פונעם שר האופים. ווייל דער שר האופים קען זיך נישט באווארענען נאכדעם וואס עס איז אריינגעפאלן עפעס אין דעם אופה, אז ער זאל עס קענען פאררעכטען, אבער דער שר המשקים וואלט געקענט פאררעכטען, ער קען דאך זעהן צו עס איז דא א פליג אינווייניג, און ער וואלט געדארפט באקוקען בעפאר ער האט עס אראפגעלייגט פארן מלך. וואלט דאך לכאורה געקומען פארן שר המשקים א גרעסערער עונש ווי פארן שר האופים.

**און** יוסף האט זיי פותר געווען, אז איר וועט זעהן אז עס וועט זיין פארקערט. דעם שר האופים וועט

מען הענגען, און דעם שר המשקים וועט מען לאזן לעבן. אז דעם שר האופים וועט מען הענגען, דארף מען דאך דעם שר המשקים אוודאי הענגען, פארוואס וועט מען אים לאזן לעבן, נאר וויל ער איז א שליח ארויסצונעמען יוסף פון די תפיסה, וועגן דעם וועט מען אים לאזן לעבן. ווען עס וואלט נישט געווען דער פתרון פארן שר האופים אז מען וועט אים הרג'ענען, וואלט מען געזאגט, אז דער מלך איז א גוטער, און ער האט ארויסגענומען דעם שר המשקים פונעם תפיסה. אבער ווען מען האט געזען אז דער מלך האט געהרג'ט דעם שר האופים, וואלט דאך פארן שר המשקים אוודאי געדארפט קומען אזא עונש, און פון דעסטוועגן דאך האט ער איבערגעלאזט דעם שר המשקים, האט אים יוסף געזאגט, דא פירט מען זאכן שלא כדרך הטבע, און דאס וואס דו בלייבסט לעבן, איז נישט וועגן דעם ווייל עס קומט זיך דיר אז דו זאלסט לעבן, דו ביזט נאר דא 'כי אם זכרתני אתך כאשר ייטב לך', דער אייבערשטער האט דיר אהערגעשיקט נאר וועגן דעם, אז דו זאלסט דיך טרעפן מיט מיר, און נאכדעם זאלסטו מיר געדענקען אויף גוטס.

**און** אזוי איז טאקע געווען, דעם שר האופים האט מען געהאנגען, און דעם שר המשקים האט מען צוריקגעשטעלט אויף זיין פלאץ, און ער האט פארציילט פארן מלך די גאנצע מעשה, אז דער מלך האט קוצף געווען אויף מיר און אויפן שר האופים, ונחלמה חלום שניהם, און יוסף האט אונז פותר געווען די חלומות, און אותי השיב על כני ואותו תלה. וואס איז די הסבר דערפון, אז עס איז אותו תלה, וואלט מען מיר אוודאי געדארפט הענגען, איז דאך נאר ווייל איך בין א שליח ארויסצונעמען יוסף פונעם בור, איז ממילא וישלח פרעה ויקרא את יוסף ויריצהו מן הבור.

**דער** מוסר השכל דערפון איז, אז עס איז חשבונות אין הימל פאר יעדן איינעם. עס איז דא א חשבון פארוואס יוסף האט געדארפט זיצען בבית האסורים אזויפיל יאר, און ווען עס איז געקומען די צייט, ויהי מקץ שנתיים ימים, קץ שם לחושך (איוב כח-ג). יעדע זאך האט זיך זיין צייט, און ווען עס קומט די צייט איז דער אייבערשטער מזמין אז דער שר האופים מיטן שר המשקים האבן געזינדיגט פארן מלך, און מען האט זיי ארייננעלייגט אין די זעלבע תפיסה פון יוסף, און זיי האבן זיך באקענט, און זיי האבן געהאט די חלומות, און מען האט זיי ארויסגענומען, דער אייבערשטער איז מזמין פאר יעדעם איינעם וואס זיין תפקיד איז. דער תפקיד פון יוסף איז געווען, אז בעפאר ער איז ארויסגעגאנגען למלוך האט ער געדארפט אדורכגיין די שווערע זמנים. דער תפקיד פונעם שר המשקים איז געווען אז ער זאל ארויסנעמען יוסף. דער אייבערשטער איז מזמין פאר יעדן איינעם, אז זיין תפקיד וואס ער דארף צוטון אויף דעם עולם, זאל ער האבן דעם שליח וואס זאל אים צוהעלפען אז ער זאל עס קענען אויספירן.

**און** דאס איז אויך דער תכלית פון יששכר און זבולון. יששכר זיצט באהלה של תורה, און זבולון העלפט צו אז מען זאל קענען זיצען און לערנען. און עס איז אוודאי גרויס דער שכר פון יעדן איינעם וואס איז ממלא זיין תפקיד פארן אייבערשטען. און מען דארף וויסען די חשיבות פון זיין תפקיד. דער יששכר דארף וויסען זיין חשיבות, אז ער קען זיצען באהלה של תורה. און זבולון דארף וויסען זיין חשיבות, אז ער איז נישט א צווייטע קלאס בירגער, ער איז טאקע נישט אין בית המדרש, אבער דער אייבערשטער האט אים צוגעשטעלט זיין חלק אויף דעם עולם, אז ער דארף ארויסהעלפן פאר די וואס לערנען תורה, וואס זיי דארפן האבען די תומכי תורה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז אין זכות וואס מען טוט מחזיק זיין תורה, אז מען זאל קענען זיצען און לערנען, זאל דער אייבערשטער באצאלן, תורה איז דאך נותנת חיים לעושיה בעולם הזה ובעולם הבא (אבות ו-ז). אלע ברכות ווערן דאך נשפע פון תורה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר (משלי ג-יח), אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד (שם ג-טז). די אלע וואס זענען תומכי תורה זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן זוכה זיין צו די אלע ברכות. און דער בעל הבית רבי אליקים וואס האט געמאכט זיין דירה פאר אן אכסניא של תורה, זאל דער אייבערשטער באצאלן כהנה וכהנה, מען זאל זעהן

אסאך יודיש נחת ביי די קינדער. און דער טאטע רבי שמואל זאל זיין געזונט, זאל אויך זעהן אסאך נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הרב **ראובן גרייפמאן** שליט"א (מלמד בת"ת דקהלתנו במאנסי) שישב שבעה על פטירת בתו ע"ה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**הר"ר ראובן:** איך האב אמאל געזען די מדרש אויפן פסוק (קהלת א-ד) דור הולך ודור בא, והארץ לעולם עומדת, אז די וואס זענען נפטר געווארן ערשט, די וועלן ערשט אויפשטיין ביי תחיית המתים, און נאכדעם וועלן אויפשטיין די וואס זענען נפטר געווארן נאכדעם. אין **תפארת ציון** (פירש על המדרש רבה) שטייט, אז די דורות וואס זענען געווען פריער, זענען מער נזדכך געווארן. און דער מדרש גלייכט עס צו דארט, צו איינעם וואס גראבט א גרוב. און דער **תפארת ציון** איז מסביר, אז ווען מען לייגט איינעם אונטען, און במשך די יארן לייגט מען העכער אים נאך איינעם, ווייל מען האט נישט געוואוסט אז איינער איז שוין דארט באגראבן. וועט דער אייבערשטער מאכן א נס, אז כאטש ער ליגט אונטען, וויבאלד ער איז נפטר געווארן קודם, וועט ער ארויפקומען קודם. און דער **תפארת ציון** איז ממשיך די פסוק, 'דור הולך ודור בא', וועסטו וועלן מיינען אז דער אייבערשטער וועט איבערדרייען די וועלט די פארקערטע וועג, און ממילא וועט ער ארויסקומען פריער. ניין, 'והארץ לעולם עמדת', דער ערד וועט בלייבען די זעלבע, און מיט דעם אלעם וועט דער אייבערשטער מאכן א נס, אז דער אונטערשטער וועט ארויסקומען פריער.

**רבינו:** מען געפונט (ב"ר צו-ז) אז די מתי ארץ ישראל, וועלן אויפשטיין תחיית המתים פריער, ווייל זיי זענען אויך נזדכך געווארן. וכפר אדמתו עמו (דברים לב-מג) איז נאר געזאגט געווארן אויף ארץ ישראל, וועלן זיי אויפשטיין פריער.

איך האב געזען שטיין אויף די מתי ארץ ישראל, אז דער פשט איז נישט אז זיי וועלן אויפשטיין מיט א שעה פריער וכדומה. נאר עס וועט זיין א דיפערענץ פון יארן, פון תחיית המתים אין ארץ ישראל ביז תחיית המתים אין חוץ לארץ.

**הר"ר ראובן:** איך האב יארן צוריק געזען א דרוש ספר פון א קדמון, אז די גמרא (סנהדרין צ:) זאגט, אז מען וועט אויפשטיין בלבושיהן, און עס איז א קל וחומר פון א חטה (מה חיטה שנקברה ערומה יוצאה בכמה לבושין, צדיקים שנקברים בלבושיהן על אחת כמה וכמה). און דער טעם דערפון איז, ווייל ווען זיי וועלן אויפשטיין וועלן זיי דארפן מאכן די ברכה פון מחיה המתים, דארפן זיי זיין מיט די לבושים, כדי זיי זאלן קענען מאכן א ברכה.

**רבינו:** דער מקור פון די ברכה, איז די צווייטע ברכה אין שמונה עשרה, ברוך אתה ה' מחיה המתים, וואס איז אקעגן יצחק, ווייל ווען מען האט ארפגענומען יצחק פון די עקידה, האט ער געמאכט די ברכה מחיה המתים.

**הר"ר ראובן: רבי אביגדור מיללער** האט א שמועס, אז די ברכה פון מחיה המתים איז א ברכה וואס מען קען נאר מאכן יעצט, און האבען א בחירה אויף דעם. די אמונה אין תחיית המתים איז א ענין פון בחירה, און די שכר וועט מען באקומען נאר אויף די אמונה פון יעצט, אבער לעתיד לבא ווען עס וועט שוין זיין תחיית המתים, מען וועט טאקע מאכן די ברכה מחיה המתים, אבער עס וועט שוין נישט זיין א בחירה אויף דעם, ווייל מען וועט עס זעהן מיט די אויגן, וועט מען נישט געבן א שכר אויף דעם. יעצט דארף מען הארעווען אויף די אמונה אין תחיית המתים.

**רבינו:** עס איז דא א באקאנטע בעלזער תורה, אויפן פסוק (שיר ד-ח) תשורי מראש אמנה, אז עס שטייט אין מדרש (שמו"ר כג-ה), אז ווען יודען וועלן ביי די גאולה ארויפגיין פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל, וועט מען אנקומען צו א בארג וואס הייסט אמנה, דער בארג איז דער גבול צווישן חוץ לארץ און ארץ ישראל, און דארט וועלן זיי זאגן שירה. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז ווען עס וועט זיין די גאולה און מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, וועט שוין נישט זיין א חשיבות די עבודה, ווייל מען וועט אלעס זעהן מיט די אויגן. און מען וועט זיך צוריקבענקען צו די צייט וואס מען איז געווען אין חוץ לארץ, ווען מען האט נישט געזעהן, און מען האט געהאט די אמונה, און געדינט דעם

אייבערשטען. און דעמאלטס וועט מען זאגן שירה אויף די עבודה אין חוץ לארץ. וועגן דעם הייסט עס 'אמנה', ווייל מען וועט דעמאלטס זאגען שירה, אויף די אמונה וואס מען האט געהאט אין חוץ לארץ.

טוב ללכת אל בית המשתה מלכת אל בית האבל..

מיר זענען געזעסן די פאריגע וואך ביי א בית המשתה (אצל החדר פירן של בן **הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל שליט"א** חדב"ן, בתלמוד תורה דקהלתנו הק' במאנסי).

**הר"ר ראובן:** רש"י זאגט דארט (קהלת ז-ב), אז א אבילות איז נאר איין מאל, אבער אויף שמחות קען מען גיין מערערע מאל אויך.

**א' המנחמים:** עס איז דא א ווארט פונעם לובלינער, אז א מענטש דארף גיין בדרך הממוצע. אויב מען איז צו שטארק בשמחה, דארף מען גיין צו א בית האבל, ער זאל ווערן אינמיטן. מען זאל ענדערש זיין אזוי בשמחה אז מען זאל דארפן גיין אל בית האבל, ווי מען זאל זיין בעצבות און דארפן גיין אל בית המשתה צו ווערן פרייליכער.

**רבינו:** עס זאל זיין ללכת אל בית המשתה כפשוטו.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ישעי' בענעדיקט** הי"ו (מאנסי), עב"ג בן הר"ר **אלכסנדר חיים ארנשטיין** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם אטריום.

*

***יום רביעי פרשת וישב***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת הערמאן ע"ה (אלמנת הר"ר **אליעזר אבא הערמאן** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **חיים אפרים נאה** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **משה היימפעלד** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **מרדכי גאנץ** ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**אחיו הר"ר יואל:** איך האלט אינמיטן פארציילן פונעם **סאטמארער רבי זי"ע**, איך וויל בעטן רשות ממשיך צו זיין..

איך האב געלערנט ביי **רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל** פיר יאר, און נאכדעם בין איך געקומען צו די סאטמארער ישיבה, און איך בין געווארן הויז בחור. אין יענע צייט זענען מיר געווען זיבן בחורים, יעדע וואך איז געווען א אנדערער בחור. און מען האט אלץ געדארפט אנזאגן פארן בחור וואס עס איז זיין תפקיד. ער זאל וויסען וואס צו טון, און וואס נישט.

איינמאל זונטאג נאכמיטאג, עס איז געווען ארום פיר אזייגער נאכמיטאג, דער רבי האט געהאלטן נאכן דאווענען, און דער רבי האט הערשט דעמאלטס געגעסן. קומט אריין א יוד מיט א מאדערן רעקל, ער איז געווען פון בראזיל, ער איז געווען העכער פון מיר מיט צוויי קעפ, און ער קוקט אראפ אויף מיר, און ער זאגט מיר, דו ביזט הויז בחור. זאג איך אים, יא. זאגט ער מיר, דעמאלטס גיי אריין צום רבי'ן, און זאג אים אז איך דארף פארן קיין בראזיל, און דער עראפלאן פארט אין א שעה ארום, איך מוז שוין פארן אין עירפארט, איך וויל נאר אריינגיין נעמען די הענט. זאג איך אים, זייטס מיר מוחל, איך האב א תפקיד, אז איך טאר נישט אריינלאזן. דער רבי עסט יעצט דאס ערשטע מאל, און איך קען נישט אריינלאזן אינמיטן עסן.

איז געזעסן דארט א עלטערער יוד, דעם רבי'ן'ס א תלמיד פון דערהיים, רופט ער מיך צו, און ער זאגט מיר, לאז אים אריין, איך זאג דיר צו אז דער רבי וועט נישט זיין ברוגז, ווייל נעכטן ביים עולה זיין האט ער געשנדר'ט טויזנט דאלער. זעכציג יאר צוריק, איז טויזנט דאלער געווען זייער אסאך געלט. איך האב מיך נישט דערשראקן, ווייל איך האב געוואוסט אז מען דארף פאלגען וואס דער רבי הייסט, און די טויזנט דאלער איז נישט וויכטיג יעצט. אבער יענער האט זיך גע'טענ'ט מיט מיר, און דער עלטערער יוד האט מיר פיר מאל געזאגט, אז ער זאגט מיר צו, אז דער רבי וועט נישט זיין ברוגז.

איך האב מיך נישט געוואלט מתחצף זיין פאר דעם עלטערן יוד, גיי איך אריין, און דער רבי האלט ביי עסן די זופ. דער רבי פלעגט זייער שטאט ארויפברענגען דאס לעפל צום מויל. און ער האט געהאלטן פונקט אינמיטן פון די טעלער ביז צום מויל. און איך געב א גיי צו צום טיש, און איך זאג מיין פשעטל דארט, אז דער און דער וויל אריינקומען. אזוי ווי דער רבי הערט דאס, געט ער א לייג אראפ די לעפל אזוי געשווינד, און ער זאגט מיר, 'נאכאמאל אהער מיט אזא שליחות זאלסטו נישט אריינקומען'. איך האב געמיינט אז איך גיי אויס פאר בושה, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. איך בין געבליבען שטיין פארגליווערט.

דער רבי זעהט אז איך ווייס נישט וואס צו טון, הייבט ער זיך אליין אויף פון בענקל, דער רבי פלעגט זיצען ביי א סאמעטנעם טישטוך און לערנען, אבער ביים עסן פלעגט מען לייגען אזא ווייסע טישטוכ'ל, און די כלים צום עסן, האט מען געהאלטן אויף דעם ווייסען טישטוך. ער שטעלט זיך אויף, און ער נעמט דאס טישטוך, מיט די זופ און אלעמען, און ער שלעפט עס אראפ ביז צום סוף טיש, נעבן די ספרים. און ער זאגט מיר, נו, זאג אים אז ער זאל אריינקומען. קומט ער אריין, און דער רבי גיט אים די האנט, און ער וואונטשט אים אן אז ער זאל פארן געזונטערהייט, עס האט געדויערט אפאר סעקונדעס.

דעמאלטס'דיגע צייטן פלעגט זיך דער רבי נישט וואשן צו נטילת ידים א גאנצע וואך משבת לשבת, נאר ווען ער איז אהיימגעקומען פון דאווענען, האט ער בעפארן עסן זיך געוואשן די הענט, אזוי ווי מען וואשט זיך צו נטילת ידים, און אזוי האט ער זיך אראפגעזעצט עסן. דער דאקטער האט געהייסען אז מען זאל טרינקען אביסל ברוינפען פארן עסן, מיט א עפל, א בורא פרי העץ, און אזוי איז געגאנגען ווייטער דאס עסן. ער האט זייער ווייניג געגעסן, נאר א טראפקעלע פון יעדן עסן. און יעצט ווען דער רבי האט געגעבן די הענט פאר א יוד פון דער גאס, איז ער צוגעגאנגען צו די סינק, און ער האט זיך נאכאמאל געוואשן די הענט. אינמיטן וואשן די הענט, קוקט ער צוריק אויף מיר, און ער זעהט ווי איך בין נעבעך פארגליווערט און פארשעמט, מאכט ער מיר אזוי, נו,נו, שטעל אלעס צוריק. האב איך אלעס צוריקגעשטעלט, און אזוי איז געגאנגען ווייטער דאס עסן. - מיין חיים טובים האב איך שוין געהאט, אז מען קומט נישט אריין מיט א שליחות ווען מען טאר נישט.

ווען דער רבי פלעגט אויפשטיין צופרי צו די עבודה, דער רבי פלעגט זיך לייגען האלב פינף, פינף פארטאגס, און ער איז אויפגעשטאנען זיבן, האלב אכט. און ווען ער פלעגט ארויסקומען פון זיין שלאף שטוב צו זיין ספרים שטוב, פלעגט ער ארײנלויפן מיט כח, און צושפארן די טיר מיט א שליסל. און מען האט נישט געקענט אריינגיין ביז צום דאווענען. אויסער די רעבעצין האט געהאט א שליסל פאר א וויכטיגע זאך, פלעגט זי אריינגיין זאגן. און דער הויז בחור האט אויך געהאט א שליסל ארײנצוגיין, ווען מען האט געברויכט אמאל מסדר זיין עפעס אין שטוב, אנצוגרייטן די בעקיטשע מיט די רעזאוואלקע צום דאווענען.

איך פלעג זיצן דארט אינדרויסן די דריי פיר שעה וואס דער רבי איז געווען פארשפארט פארן דאווענען. עס איז געווען א שליסל לאך פונקט אקעגן איבער דעם רבי'ן, שפעטער האט מען עס מבטל געווען, אבער אין מיינע יארן איז עס נאך געווען, און דער רבי פלעגט זיצען אקעגן איבער די טיר, און מען האט געקענט שעפן און זעהן ווי אזוי דער רבי פירט זיך, און ווי אזוי ער לערנט הויך אויפן קול, און די אלע זאכן, עס איז געווען מורא'דיג. - און ביי מיר איז עס געווען א דאפעלטע קל וחומר, מה דאך אינמיטן עסן קען מען נישט אריינגיין, איז פארן דאווענען זיכער נישט.

צוויי חדשים שפעטער זיץ איך דארט, און איך האלט די אויגן אויפן רבי'ן, אויף איינמאל שפיר איך ווי עמיצער דרייט זיך דא, און איך קלער ביי מיר ווער דרייט זיך דא. יעדער ווייסט דאך אז עס איז פארן דאווענען, מען קען נישט יעצט אריינגיין. אויף איינמאל זעה איך א יוד שטייט נעבן מיר מיט א שטעקן, איך געב מיך א הייב אויף, **רבי מיכאל בער** שטייט נעבן מיר. און ער געבט מיר א פעטשל אין פנים, און ער זאגט מיר, 'גיי אריין צום רבי'ן און זאג אים אז איך בין דא'. איך האב געמיינט איך פאל אראפ. גיי זאג פאר **רבי מיכאל בער** אז עס איז צוגעשפארט, און מען קען נישט אריינגיין.

דער אייבערשטער האט מיר געגעבן שכל, איך האב דאך א שליסל, איך פלעג אריינגיין צוואנציג מאל, און דער רבי פלעגט מיך נישט אנקוקען. ער

האט געטון זיין עבודה, און איך בין אריין און ארויסגעגאנגען. האב איך געקלערט, אז יעצט וועל איך אויך אריינגיין, און דער אייבערשטער וועט שוין עפעס העלפן. יעצט איז געווען ממש א נס, איך האב ניטאמאל אריינגעלייגט די צווייטע פוס, נאר דעם ערשטען פוס, און דער רבי הייבט אויף די קאפ, און ער פרעגט מיר, וואס ווילסטו. אז דער רבי פרעגט שוין וואס איך וויל, קען איך דאך שוין רעדן. זאג איך פארן רבי'ן, אז **רבי מיכאל בער** שטייט אינדרויסן. אזוי ווי איך זאג די ווארט, שטעלט זיך דער רבי אויף, 'שוין לאז אים אריינקומען'. דער רבי האט געשמועסט מיט אים א שעה און א האלב פארן דאווענען, ממש אהבת דוד ויונתן. איך וועל עס קיינמאל נישט פארגעסן. דער רבי האט זייער ליב געהאט **רבי מיכאל בער.**

**רבינו:** דאס וואס דער **סאטמארער רבי** איז געבליבען דאהי, איז דאך אויך צו פארדאנקען פאר **רבי מיכאל בער.** ער האט צוריסן די קארט, אז ער זאל נישט צוריקפארן קיין ארץ ישראל.

**הר"ר יואל:** איך בין אמאל געפארן מיטן רבי'ן, די וויינשטאק ברודערס האבן אמאל אלול צייט געטראגען דעם רבי'ן אין פארק, עס איז געווען געפערליך הייס, און דער רבי האט נישט געהאט קיין עירקאנדישאן, האבן זיי געבעטען דעם רבי'ן, אז זיי ווילן טראגען דעם רבי'ן אויף א פלאץ ווי מען קען נעמען לופט, דער רבי זאל זיך אביסל אפקילען. זענען מיר געפארן מיט רבי חיים הערש יאקאבאוויטש, און רבי יוסף אשכנזי, און איך בין געזעצן נעבן רבי יוסף. און אין די קאר האט דער רבי געזאגט, אז ווען איך בין געווען אין ארץ ישראל, האט מען געשמועסט אז איך זאל פארן קיין אמעריקא, עפעס אויפטון פאר יודישקייט. האב איך געשריבן א בריוו פאר **רבי מיכאל בער**, אז ער זאל מיר זאגן צו עס איז כדאי אז איך זאל פארן קיין אמעריקא, צו איך קען עפעס אויפטון. האט ער מיר געשריבען אז יא, איך זאל קומען קיין אמעריקא. האב איך אים געפאלגט, און איך בין דא געווען דאס ערשטע יאר. דאס ערשטע יאר האט איך געהאלטן, אז ער האט געהאט א טעות. אבער נאך א יאר, האב איך געזען אז ער איז געווען גערעכט.

רבי יוסף אשכנזי האט אמאל פארציילט פאר רבי אהרן פישער, א תלמיד ותיק פון **רבי מיכאל בער**, אז דער רבי האט אמאל ווינטער ביינאכט ארויסבאגלייט **רבי מיכאל בער** ביז אין די גאס. און **רבי מיכאל בער** איז שוין געגאנגען ווייטער, און דער רבי איז נאך געשטאנען און נאכגעקוקט **רבי מיכאל בער.** האט רבי יוסף געזאגט פארן רבי'ן, רבי, עס איז קאלט, מען דארף אריינגיין. זאגט דער רבי, ניין, ווילאנג איך קען אים זעהן, וויל איך קוקען אויף אים, ווייל איך וויל קוקען אויף אן ערליכען יוד. און דער רבי האט געזאגט פאר רבי יוסף, און דו קוק אויך.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן ש"ב הר"ר **חיים לייב אייזיקאוויטש** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הרב **אליהו פדווא** שליט"א (וומסב"ג). אחר ברכת המזון נתכבד **רבינו שליט"א** בברכה אחריתא.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **חיים אפרים נאה** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג **רבי מיכאל פסח אויסטערליטץ** שליט"א (וומסב"ג, ר"מ בישיבת ראכמיסטריווקא), עב"ג בן הר"ר **שלמה פריד** הי"ו (ירושלים), שהתקיים באולם פרדס צבי.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **עקיבא שטראססער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלכסנדר יצחק פרענקל** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

*

***יום חמישי פרשת וישב***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת הערמאן ע"ה (אשת הר"ר **חיים הערמאן** הי"ו).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה והתפלל שם תפלת מנחה. אחר מנחה מסר רבינו שליט"א שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף (בבגדי שבת) אצל החתונה של בת ש"ב הרה"ג רבי **עוזר יצחק פריעד** שליט"א, חתן **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן ומסב"ג שליט"א**, עב"ג בן הרה"ג רבי **חיים ארי' כהנא** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ רבי **אלימלך כהנא מספינקא זצ"ל**, וחתן הגה"צ רבי **זלמן לייב פילאפף שליט"א**, דומ"ץ דקהל ייטב לב סאטמאר ומסב"ג), שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א. אחר ברכת המזון רקד **רבינו שליט"א** מצוה טאנץ ביחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א.**

__שבת קודש פרשת וישב__

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל באר מים חיים זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ז כסלו). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א.**

ביום השבת עלה **רבינו שליט"א** לעליית מפטיר, והתפלל תפלת מוסף לפני התיבה. – גם במוצאי שבת עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה.

## תוכן השיחה בעת ביקורו של רבינו שליט"א
## אצל הגה"צ רבי דוב ווייס שליט"א - אב"ד קרית צאנז ירושלים

### יום א' פרשת מקץ - ב' דחנוכה תש"ע לפ"ק

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** איך האב אמאל געזעהן שטיין, ויהי מקץ שנתים ימים, אז ווען עס וועט זיין נאנט צו משיח'ס צייטען, וועט מען אין טעג קענען אויפטוהן, זאכן וואס האט אמאל געדויערט יאהרן לאנג. עס שטייט דאך אז אין די שוואכע דורות, איז א קלייניגקייט וואס מען טוהט, אזוי ווי א גרויסע זאך פון אמאל, מען האט דאך קלענערע השגות.

דעם רב'ס ספר האט דאך א שייכות מיט חנוכה, שמ"ן ראש..

**רבינו:** איך דערמאן זיך צוריק אויף די אלע פלפולים וואס מען פלעגט צו הערן אמאל יעדע נאכט חנוכה [אצל חותנו **הגה"ק מצאנז קלויזענבורג זצ"ל**].

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** עס איז געווען כמעין המתגבר, עס איז געווען אסאך מאל שווערע ענינים טומאה וטהרה וכדומה. חנוכה איז געווען ממש בלי הפסק.

**רבינו:** ער האט געדאווענט מעריב ערשט שפעט ביינאכט נאך די הדלקה.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** ער האט נאך געפירט א טיש שפעטער נאך די גאנצע זאך, אינמיטן די נאכט אריין ארום צוועלף איינס אזייגער. דער טיש חנוכה איז געווען א רואיגער טיש, דעמאלס האט מען געקענט רעדן מיטן שווער זצ"ל, געווענליך ביי א טיש איז געווען א פחד. איינע פון די מקורות וואס מען זאגט אויף פירן א טיש, ווייל אין רמב"ם (הל' חנוכה ג-ג) שטייט דאך אז עס איז ימי שמחה, אין די גמרא שטייט נאר אז מען האט עס קובע געווען בהלל והודאה, דער רמב"ם לייגט צו שמחה אויך.

**רבינו:** אז עס איז דא דברי תורה זאגט דאך דער רמ"א (או"ח סימן תר"ע סעיף ב') אז עס ווערט א סעודת מצוה, אדער אז מען איז מרבה בשירות ותשבחות.

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** זיי ברענגען דאך אז דער **צאנזער רב** האט זיך געוואשן חנוכה צוויי מאל אין טאג, דער שווער האט זיך נישט געוואשן נאר איין מאל ביינאכט (עיין **בשו"ת דברי יציב** או"ח סימן רפ"ג).

**וכיבד את רבינו שליט"א ביין ובפירות**

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען אריינשיינען מיט דברי תורה פאר אידן, און קענען מזכה זיין און מרביץ תורה זיין, און באלייכטען פאר אידישע קינדער.

**רבינו:** מען זאל זיין געזונט און שטארק, און קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת.

*

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** איך האב געהערט פונעם שווער זצ"ל אז ביי זיי אינדערהיים, ווען עס פלעגט קומען א פרי פון ארץ ישראל, איז עס געווען א גרויסע יחוס, מען האט געגעבן פאר יעדן קינד א שטיקל פרי.

מען ברענגט אז עס שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב לב.) אז ווילאנג די אידן וועלן נישט זיין דא אין ארץ ישראל וועט נישט וואקסען געהעריג. רבי אהרן מרדכי רוטנער שליט"א זאגט, אז ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל איז נאכנישט געווען כמעט קיין נארמאלע פירות, עס איז נישט געווען קיין געהעריגע עפל וכדו', נאר קליינע פירות. עס איז א חידוש, מען האט נישט געוואלט אז די ישמעאלים זאלן דערפון הנאה האבן.

**רבינו:** אין פסוק (ויקרא כו-לב) ושממו עליה אויביכם, איז משמע אז פאר זיי וועט עס אויך זיין שמם (עיין רש"י שם, ובתוספות עירובין יח: ד"ה נתברכו).

**רבינו שליט"א נתן לגאב"ד קרית צאנז ירושלים שליט"א ספר שמן ראש על חנוכה**

**אב"ד קרית צאנז ירושלים:** דער שווער זצ"ל פלעגט נאכזאגען פון ספר **שלטי הגבורים** אויפן **מרדכי**, ער זאגט עס אין די סוגיא פון חנוכה (שבת פ"ב אות ה'), אז איינער וואס לערנט תורה לשמה, גיט דער באשעפער אריין אין זיין מויל אז ער זאל פסקנ'ן כהלכה, היות ער לערנט לשם שמים. ער זאגט דארט א לשון 'הקב"ה מגיה דבריו', ער האט סייעתא דשמיא ביים פסקנ'ן. ער לייגט צו דארט, אז אפילו אויב יענער איז נישט קיין בעל כשרון העלפט אים דער אייבערשטער.

**רבינו:** וה' אתו (שמואל א' טז-יח), שהלכה כמותו בכל מקום (סנהדרין צג:).

**ונפרד רבינו שליט"א בברכה:** דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך קענען צוזאמקומען אי"ה מתוך שמחה, הרחבת הדעת און הצלחה.

---

## תוכן השיחה בעת ביקורו של רבינו שליט"א
## אצל כ"ק האדמו"ר מדושינסקיא שליט"א

**יום א' פרשת מקץ - ב' דחנוכה תש"ע לפ"ק**

**רבינו:** דא צינדט מען מן הסתם די חנוכה ליכט פרי.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** סוף שקיעה, דאס הייסט פאר מעריב. געוועהנטליך אין די צייט דאווענט מען שוין מעריב, און חנוכה צינדט מען דעמאלטס. איך ווייס נישט וויאזוי עס איז געווען אינדערהיים, מסתמא האט מען געצינדען נאך מעריב, פארוואס עס איז דא אנדערש געווארן ווייס איך נישט[א].

**רבינו:** מוצאי שבת געפונט מען א מחלוקת וועגן הבדלה וועלכע עס איז פריער.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** אין די מנהגים פונעם **חתם סופר** שטייט, אז ער האט קודם געצינדען, אזוי האט מיר איינער געזאגט. איך האב עס נישט געזעהן[ב]. עס איז דאך דא דער גרויסער טורי זהב דארטן וואס איז דן אין דעם באריכות.

**רבינו:** וועגן תדיר ושאינו תדיר.

---

[א] יצויין שמנהגו של מרן **החתם סופר זי"ע** ובניו אחריו היתה להדליק בין מנחה ומעריב קודם צאת הכוכבים, וכן נהג תלמידו **הגאון בעל מהר"ם שיק זי"ע**. וכן הוא מנהג **הגר"א**. ועיין עוד **במשנה ברורה** (סימן תער"ב סק"א) ובביאור הלכה (שם ד"ה לא מאחרים).

[ב] כן הוא **במנהגי החתם סופר** שבמוצאי שב"ק הדליק נר חנוכה קודם הבדלה כדעת הרמ"א בסימן תרפ"א. ובספר **אלף כתב** (ח"א אות שס) כתב וזה לשונו: שמעתי מאחי **הגאון מהר"ם נ"י** שכאשר למד מרן **החתם סופר זצ"ל** עם הישיבה הלכות חנוכה, שהיה דרכו בקודש ללמוד עם הישיבה הלכות חג בחג סמוך לחג, וכן למד גם כן עם התלמידים הלכות חנוכה טרם יבואו ימי חנוכה, והזכיר שנוהג עצמו להדליק במוצאי שב"ק דחנוכה נר חנוכה קודם הבדלה. נענה אחד מתלמידיו המובהקים והוא **הגאון מוה"ר מנחם כ"ץ זצ"ל אבדק"ק צעהלים** אשר היה מגדולי הבחורים, ואמר החייט מבדיל תחלה ואחר כך מדליק נר חנוכה, ונרתע מרן **החתם סופר זצ"ל** ואמר: וואס, החייט הבדיל תחילה?!, כי סבר מרנא שכוונת הבחור הגאון הנ"ל היה על **רבינו יהודה חייט זי"ע** שעשה פירש הגדול בנסתרות על ספר הקדוש והנורא **מערכת אלקות לרבינו פרץ זלה"ה**, וגם היה נפלא בעיני קדשו זצ"ל מהיכן ידע הבחור זאת, והשיב התלמיד אני הייתי דר ברחוב היהודים אצל ר' חיים חייט תופר הבגדים, והוא הבדיל תחילה... ושחק מרן זלה"ה ע"כ.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** וויאזוי פירט מען זיך?

**רבינו:** מען צינדט שפעטער נאך הבדלה.[ג]

**האדמו"ר מדושינסקיא העניק לרבינו ספרי דרשות מהרי"ץ לחנוכה ב' כרכים, ועל מועדי השנה**

**רבינו:** אויף ז' אדר האב איך, איך האב נאך נישט געזעהן אויף חנוכה.

דאס האט ער געזאגט ביי די חנוכה ליכט?

**האדמו"ר מדושינסקיא:** יא, ער פלעגט אסאך זאגן אויף די פסיקתות און די מדרשים

**רבינו:** ער האט דאס געשריבן אליין?

**האדמו"ר מדושינסקיא:** ניין, די תלמידים האבן דאס אפגעשריבן.

*

**רבינו:** איך האב געטראכט היינט ביים דאווענען, פארוואס מען זאגט די פרשת התמיד יעדן אינדערפרי, און אויך די פרשת הקטורת, און הדלקת המנורה זאגט מען נישט.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** הטבת הנרות דערמאנט מען יא.

**רבינו:** יא, עס ווערט דערמאנט אינמיטן פסוק, ווען מען רעדט פון קטורת, בהטיבו את הנרות יקטירנה, ובהעלות אהרן את הנרות וגו' יקטירנה, וואס עס שטייט נאר דארט אזוי דרך אגב.[ד]

**האדמו"ר מדושינסקיא:** ביי די ברייתא פון אביי ווערט עס דאך יא דערמאנט.

**רבינו:** דארט שטייט די סדר פון די עבודות, אבער אין די פסוקים ווערט נישט דערמאנט די מצוה פון הדלקת המנורה.

די פרשה פון לחם הפנים זאגט מען אויך נישט, אבער עס ווערט אראפגעברענגט וועגן דעם (עיין **בשו"ע הרב** סימן א' סעיף ט', **וביסוד ושורש העבודה** שער השמיני פרק י), און אין דעם בארדיטשובער סידור שטייט אויך, אז מען זאל זאגן שבת נאך מוסף די פסוקים פון לחם הפנים, ווייל דעמאלס איז געווען דער עריכת השולחן, עס איז דאך נאר געווען איינמאל א וואך, כאטש עס איז נישט אין די סדר התפלה, אבער עס שטייט כאטש דערמאנט דערפון. אבער די הדלקת המנורה איז דאך געווען א יעדן טאג.

קען זיין די סיבה איז, וויבאלד דאס איז געווען א עבודה וואס האט געהערט פאר אהרן הכהן, עס האט נישט געהערט פארן כלל ישראל. ביי די קרבן התמיד שטייט דבר אל בני ישראל, אזוי דארף עפעס זיין א חילוק.

כאטשיג קטורת איז דאך אויך נאר געווען פאר די כהנים, אבער זאגן פרשת הקטורת האט אין זיך אנדערע ענינים אויך.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**רבינו:** לחיים, דער אייבערשטער זאל געבן מען זאל קענען ווייטער מרביץ תורה זיין, מתוך נחת און הרחבת הדעת.

**האדמו"ר מדושינסקיא:** אמן, יישר כח פארן זיך מטריח זיין.

**ונפרדו לשלום**

---

[ג] הנה דעת השו"ע (סימן תרפ"א ס"ב) שמדליקין נר חנוכה בבית הכנסת קודם הבדלה, והטעם בזה כתב **בתרומת הדשן** (סימן ס') דכל מה שנוכל לאחר לצאת מן השבת עדיף טפי. והרמ"א הוסיף דכל שכן בביתו שמדליק ואחר כך מבדיל, שהרי כבר הבדיל בבית הכנסת, **ובפרי מגדים** תמה על זה שהרי מתכוין שלא לצאת בהבדלה של בית הכנסת ששמע משליח ציבור, ודוחק לומר שמבדיל בביתו לנשים ובני ביתו, ובחנוכה יעשה כן, דלמה יעשה כן, וצ"ע ע"כ. **ובטורי זהב** האריך מאד להוכיח דלא כדברי המחבר והרמ"א, ודעתו דראוי להבדיל בביתו ברישא והדר להדליק נר חנוכה ע"ש.

ובספה"ק **מאור ושמש** (פ' מקץ עה"פ וישא עיניו) כתב: והנה יש פלוגתא בפוסקים במוצאי שבת אם להדליק תחילה נר חנוכה אחר כך להבדיל או להיפוך, והנה שמעתי מאדמו"ר בוצינא קדישא **מוה"ר יעקב יצחק הלוי מק"ק לובלין זצוק"ל** שאמר בשם הגאון איש אלקים המנוח **מוה"ר שמואל שמעלקי זצוק"ל אב"ד דק"ק ניקלשבורג** שבזה הלכה **כהטורי זהב** להבדיל תחילה ואחר כך להדליק נר חנוכה וכן מנהגינו עכל"ק.

[ד] **בשו"ת לב חיים** (ח"ב סימן א') נשאל בזה מדוע לא תיקנו לקרות בכל יום פרשת המנורה, וכתב דנראה דכיון שאומרים פרשת הקטורת ומזכירין בה פסוקי הדלקת המנורה ובהעלות אהרן את הנרות וגו', לכן לא הוצרכו לתקן לומר פרשת הנרות בפרטות. ומסיים: ומיהו אם ירצה לקרות בכל יום תמיד פרשת הנרות כנזכר לעיל, מה טובו ומה יופיו ותבא עליו ברכה ע"כ. ועיין עוד בספר **עטרת זקנים** (או"ח סימן מ"ח) בזה. - ובספר **יפה ללב** (או"ח סימן א' סקי"ז) הביא בזה דברי **השבט מוסר** (פרק ל"א) שכתב כי כל האומר מזמור למנצח בנגינות מזמור שיר בצורת המנורה בכל יום בהנץ החמה, לא יקרה לו שום מקרה רע, וחשוב לפני הקב"ה כאילו הוא מדליק נרות בבית המקדש עכ"ד.